בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

425

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


נָאכְקוּקְן אַ טַאטֶע?........................................א

שְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיטְן נִישְׁט גֶעבְּן דִיסֶעס?........................ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה........................................א

אִין מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס סְפָרִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק........................ג

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?........................................ד

יֶעדֶער וִויל הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דִי הַדְפָּסָה........................................ה

צוּדֶערְן דָאס קִינְד?........................................ו

אַיי אַיי פְּרָאסְטַאק........................................ו

קוּמְט אַהֵיים צֶעלָאזְט........................................ז

זַיי נִישְׁט קֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי........................................ז

בַּאקוּמֶען חַיוּת פוּן דִי תוֹרָה, נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן........................................ח

מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת, אוּן מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט........................................ט

נֶעם אַ גְמָרָא, וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן........................................ט

דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב קֶען חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַאלְן........................................י

סְעוּדַת בַּר מִצְוָה פַאר אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זוּן........................................יא

יֶעדֶע נֶעגַאטִיוֶוע זַאךְ, גֵייט פַאסִירְן צוּ מִיר........................................יב

גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן מִיט נִיסֵי נִסִים........................................יב

דִי וֵוייטָאג וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג........................................יג

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיקֵייט דָאס הֶעלְפְן דִי קְהִילָה......יד

שַׁבָּת אִיז פְרֵיילִיךְ, מְחַנֵךְ זַיין - אִינְמִיטְן דִי וָואךְ......טו

מַאכְן אַן עֵירוּב אִיז אַ זְכוּת פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער......טז

בַּאגְלֵייטְן דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין כּוֹלֵל......טז

מְחַנֵךְ זַיין דִי בָּחוּרִים צוּ הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ......יז

זָאל מֶען פַארְשְׁפַּארְן דִי מִקְוֶה נָאכְמִיטָאג?......יח

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן צָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט......יט

מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער......יט

נָאר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, קֶענְסְטוּ זָאגְן מוּסָר......כ

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער......כא

זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן......כא

אַז מֶען פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן......כב

מַאךְ גֶעשְׁמַאק דִי לוּפְט, וֶועט אַרוֹיסְגֵיין דִי קַטְנוּת הַמּוֹחִין......כג

קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה נֶעמְט אַוֶועק חֲלוֹמוֹת אוּן פְּחָדִים......כג

לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן אוּן שָׁלוֹם בַּיִת......כד

זִיךְ נִישְׁט קְלוֹיבְּן, אוּן נִישְׁט זָאגְן נֵיין......כה

פוּרִים אוּן שׁוּשַׁן פוּרִים אִין יְשִׁיבָה......כה

עֶנְדֶערְשׁ לֶערְן מִיט אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וָואס קֶען נָאכְנִישְׁט......כו

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי אַרְבֶּעט מִיט מַיין זוּן......כז

בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פוּרִים אִין שְׁטֶעטְל......כז

זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ קֶענֶען מַאכְן נַחַת רוּחַ פַאר דִי עֶלְטֶערְן......כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## נָאכְקוּקְן אַ טַאטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּן טִיפְן הַארְצְן, פַארְן מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן אוּן דִי לֶעבְּן פוּן מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע.

אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיךְ נִישְׁט, מִיר בַּאלַאנְגֶען צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז אִינְגַאנְצְן, אָבֶער אִיךְ לֵיין יֶעדֶע וָואךְ דֶעם קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

מַיין טַאטֶע אִיז אַ רָב אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר שְׁרַייבְּט סְפָרִים אוּן דֶערִיבֶּער קוּמְט אִים אוֹיס אַסַאךְ צוּ זִיצְן אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמֶעקְן דִי הִיסְטָארִיעֶ פוּנֶעם קָאמְפְּיוּטֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען זֶען וָואס עֶר הָאט אַלֶץ גֶעזֶען, אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז אִיךְ הָאב בַּאמֶערְקְט דָא אוּן דָארְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ הָאב צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר קוּקְט מַמָּשׁ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער. אִיךְ הָאב מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאב זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט: 'זָאל אִיךְ אִים זָאגְן עֶפֶּעס? זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים? פַאר מַיין מַאמֶע? פַאר מַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער?' אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז אִיךְ הָאב גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ אֵיינֶעם וֶועגְן מַמָּשׁ אַזַא מַעֲשֶׂה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט יֶענֶעם זֵייעֶר שַׁארְף פַארְוָואס עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט זַיין טַאטֶע אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט

דֶעם צֶערִיסְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַזַא קְלָארֶע עֶנְטְפֶער וָואס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ טַאטֶע בְּלַייבְּט אַ טַאטֶע; אִיךְ הַאלְט אִים וַוייטֶער חָשׁוּב פִּינְקְט וִוי פְּרִיעֶר, אִיךְ ווייס אַז עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶער און וואוּילֶער מֶענְטְשׁ, נָאר עֶר הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פַארְמֶעקְן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בֶּעט אִיךְ אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים מְקָרֵב זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן אוּן עֶרְלִיכְן וֶועג.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר רַאטֶעוֶוען מִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט שְׁרַייעֶן דִי צַדִיקִים פוּנֶעם דוֹר אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיין קָאמְפְּיוּטֶער, וַוייל מֶען קֶען חַס וְחָלִילָה אָנְקוּמֶען צוּ פַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, אוּן דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער (מַחְשֵׁב) 'מְכַשֵּׁף' - כִּישׁוּף מַאכֶער, וַוייל דָאס אִיז מַמָּשׁ כִּישׁוּף, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:) וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן כִּישׁוּף? "מַכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה", זֵיי טוּעֶן אָפְּשְׁוַואכְן דִי כֹּחַ פוּן דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער קָאמְפְּיוּטֶער - "מַכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה" טוּט אָפְּשְׁוַואכְן דִי קְדוּשָׁה, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

דוּ זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן, קוּק נִישְׁט נָאךְ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אִין כִּיבּוּד אָב, וַוייל אוֹיסֶער דִי הֲלָכוֹת וָואס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר זֵיי, נִישְׁט זִיצְן אוֹיף זֵייעֶר פְּלַאץ, זֵיי נִישְׁט רוּפְן בַּיים נָאמֶען, זֵיי נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן, וְכוּ' וְכוּ' (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵּעָה, אָנְהֵייבּ סִימָן רמ) - אִיז אוֹיךְ דָא אַ חִיּוּב זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין אִין הַארְצְן, הַאלְטְן פוּן זֵיי, קוּקְן שֵׁיין אוֹיף זֵיי, טְרַאכְטְן שֵׁיין פוּן זֵיי (עַיֵּן סֵפֶר חֲרֵדִים פֶּרֶק ט, סִימָן לה); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט נָאכְקוּקְן דַיין טַאטֶע, זוּךְ אוֹיף נָאר דָאס גוּטְס אִין זֵיי - וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**טוּסְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּארְבְּרֶעכְן, אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ דֶער פְּרוּמֶער?!**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁטֶעלְסְט אַהֶער אַ פָּנִים וִוי דוּ בִּיסְט דֶער פְּרוּמֶער אוּן דַיין טַאטֶע אִיז גֶעפֶערְלִיךְ; אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ צוּ נֶעמֶען אַ פְּרִיוַואטֶע קָאמְפְּיוּטֶער פוּן דַיין טַאטֶע אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דָארְט פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶסְן? וִוי אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן? דָאס אִיז רִיכְטִיג גְנֵיבָה! אוּן צְוֵוייטְנְס, אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן דִי פַּארְבְּרֶעךְ, דִי גְנֵיבָה, אוּן דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ פְּרֶעמְדֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ פוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וִוי הָאסְטוּ גֶעמֶעגְט גֵיין דָאס אָנְצִינְדְן פַאר דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער אוּן פַאר דַיין וַוייבּ, זַיין אַ הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה סוֹד?! דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, סַיי דוּ אוּן סַיי דַיין וַוייבּ שְׁרֵייעְן: ״רַאטֶעוֶועט, מִיר הָאבְּן גֶעכַאפְּט דֶעם טַאטְן!״ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט טוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, גַנְבְ׳נֶען פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן זַיין אַ הוֹלֵךְ רָכִיל, וִוי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט?!

אִיךְ בִּין נִישְׁט מְקַבֵּל דַיין לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דַיין טַאטֶע, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ הֶערְן אַז בַּיי אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁפִּיָאנִירְט אוֹיף זַיין טַאטֶע.

טוּ תְּשׁוּבָה, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט דָא גֶעטוּן, דִי חוּרְבָּן פוּן צֶעבְרֶעכְן אַ מִשְׁפָּחָה.

...]

## שְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיטְן נִישְׁט גֶעבְן רִיסֶעס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁרַייבְּט אָן בֶּעט גֶעוואוּנְט מִיט אַ מַארְקֶער, אוּן אִיךְ ווִיל אִים בַּאשְׁטְרָאפְן מִיט נִישְׁט גֶעבְן אַ רִיסֶעס דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן בֶּעט גֶעוַואנְט מִיטְן אִים נִישְׁט גֶעבְן רִיסֶעס?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

מֶען דַארְף עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיס טְרָאגְן פוּן שְׁטוּבּ דִי מַארְקֶערְס אָדֶער דָאס לֵייגְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קִינְדֶער קֶענֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף בֶּעט גֶעוַואנְט אוּן אוֹיף דִי וֶוענְט וְכוּ'.

אַוֶועק נֶעמֶען דִי רִיסֶעס אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס מֶען קַנְסְ'ט, אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דִי פְרִישְׁטָאג אוּן דִי נַאכְטְמָאל; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אוֹיף וֶוענְט אוּן אוֹיף בֶּעט גֶעוַואנְט שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען שְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס גֵייט נִישְׁט מִיט אֵיין מָאל זָאגְן, דָאס זָאגְט מֶען אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער עִיקָר דַארְפְן עֶלְטֶערְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דִי תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע

קִינְדֶער״; דֶערְפַאר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וְוי אַן אַלְטֶער אִיד זִיצְט אִין אַ וֶועגֶעלֶע (ווילְטְשֶׁער) אוּן נֶעבְּן אִים שְׁטֵייט אֵיינֶער מִיט אַ טַלִּית בַּיטְל אִין דִי הַאנְט מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים אוּן וְוי עֶר זָאגְט דֶעם אַלְטְן אִיד עֶפֶּעס.

אִיךְ וְויל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַּאר דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם אַלְטְן אִיד וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר וְויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן אוּן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין וָואס זָאל נָאר אַרִיבֶּער גֵיין - אַבִּי זוֹכֶה זַיין נָאךְ אֵיין טָאג אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

אִיךְ וְויל מַאכְן וָואס מֶער גִּלְיוֹנוֹת אוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פַּאר דִי יוּגְנְט, וַוייל עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דַארְף פִילֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אָן קֵיין לֵיצָנוּת, נָאר בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי זָאלְן זַיין וַואקְסִינִירְט אַנְטְקֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אִידְן.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

"רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה..."

אַוַדַאי וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן".

"נֵיין, נֵיין!" - שְׁרֵייט דֶער אִיד, דֶער אִיד לָאזְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי בְּרָכָה, עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "אִיךְ וִויל נִישְׁט אַזַא בְּרָכָה, אִיךְ וִויל אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּארְקֶערְט..."

"פַּארְקֶערְט? וָואס?! אִיר ווילְט אַ בְּרָכָה אוֹיף נִישְׁט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן? וָואס אִיז מִיט אַייךְ?!"

"רֶבִּי, רֶבִּי", וֵויינְט דֶער אִיד - "אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַלְט, אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט, נָאנְט צוּ דִי נַיינְצִיג יָאר, עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן".

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "דוּ טִפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, פַּארְוָואס ווילְסְטוּ שְׁטַארְבְּן? עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען אָנְטוּן נָאךְ אֵיינְמָאל דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, דוּ וֵוייסְט ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט? דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ לֶעבְּסְט, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן תְּפִילִין, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן מִצְוֹות; אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער, וֶוער קֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען מִצְוֹות וָואס מִיר טוּעֶן יֶעדְן טָאג:

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זָאגְן הוֹיךְ: 'נֶעגְל וַואסֶער', 'מוֹדֶה אֲנִי', 'זָאגְן בְּרָכוֹת', 'פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע', 'קוּשְׁן דִי מְזוּזָה', 'עֶסְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר', 'דַאוֶוענֶען', 'לֶערְנֶען'.

אוֹיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן זֵייעֶרֶע מִצְוֹות: 'צְנִיעוּת', 'נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ חַבֶרְ'טֶע', 'רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ פְרֵיילִיכֶע

טַאנְץ: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר, טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיר וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין מוֹהֲרָא"שְׁ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מוֹהֲרָא"שְׁ'ס סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אוּן צָרוֹת, אוּן דִי בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל דָאס אִיז מְחַיֶּ' מַמָּשׁ מִיט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דָאס אִיז מַיין חִיזוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

הָעִקָּר לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אַזוֹי וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי זֶעלְבֶּע חֶשְׁבּוֹן פוּן פַּרְנָסָ"ה (395), אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן חַיוּת אִין לֶעבְּן, וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן זוּכְן אוּנְטֶערְטֶעינְמֶענְט מִיט וָואס זִיךְ צוּ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן, וַוייל דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה גֶעבְּט אֱמֶתְ'עֶ חַיוּת, עֶס גֶעבְּט אַ רוּחַ חַיִּים פַארְן מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אִינֶעם לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּ דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּרִים, צוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט נָאךְ דַיין חַיוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט אִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ'.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן (עַיֵּן קִיצוּר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "הָעִקָּר שֶׁקּוֹרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן", עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, דוּרְךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה, צוּ ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס נִישְׁט גוּט - אִיז אוֹיךְ גוּט, אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף דָאס גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז:), אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַ קְלַאפּ אִינֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט דָאס אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז מֶען ווֵייסְט דָאס אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט דָאס - קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אִין רֶבִּי'ן, מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן - קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווַייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חַיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי הָאָדָם שֶׁזּוֹכֶה לִלְמוֹד סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

...

## יֶעדֶער וויל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לֵייבִּי רָאטְה נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וויל דִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע מְסִבָּה וָואס דוּ הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶעם מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב - פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר אוּנְזֶער ״קֶרֶן הַדְפָּסָה״, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע נַאכְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע פְּרָאגְרַאם, אוּן דִיר קוּמְט דִי יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, מִי אוּן פְּלָאג פוּן לַאנְגֶע וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִיבֶּערְמִידְלִיכֶע כֹּחוֹת אִין דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַארְן קֶרֶן הַדְפָּסָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעם פַארְן קֶרֶן הַדְפָּסָה, אַלֶע וֵוייסְן וָואס מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס ווילְן אִיז גֶעוֶוען, אַז מִיר אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה אוּן הַדְפָּסָה.

לְדַעְתִּי, יֶעצְט בַּיים יָארְצַייט, הָאבְּן זִיךְ אַלֶע דֶערְוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, זָאלְסְט יֶעדְן רוּפְן פְרֶעגְן וֶוער עֶס וויל הָאבְּן אַ זְכוּת אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט, שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי נִישְׁט בְּקַטְנוּת הַדַעַת, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קֵיין שְׁנָארֶער, דוּ מַאכְסְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט אַ וָוארְט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, זַיי יֶעדְן אֵיינֶעם דַן לְכַף זְכוּת, אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ רוּפְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן דֶעקְן דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה פוּן מַיינֶע פְּלֵייצֶעס, הַלְוַואי זָאל זַיין אֵיינֶער אִין דִי מוֹסְדוֹת אַזוֹי ווִי דִיר, וָואס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן מִיר.

...

## צוּרֶעדְן דָאס קִינְד?

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

אוּנְזֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר, אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, זָאגְט יֶעדְן שַׁבָּת אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, ווילְן מִיר פְרֶעגְן אוֹיב מֶען דארְף אִים צוּרֶעדְן צוּ גֵיין אִין שׁוּל, אָדֶער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען זָאל אִים צוּרֶעדְן מִיט שׂחַד, מִיט גוּטֶע נַאשׁ; אַזוֹי וֶועט עֶר וֶועלְן קוּמֶען מִיט זַיין אֵייגֶענֶע ווילְן.

...

## אַיי אַיי פְּרָאסְטַאק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

"אַיי אַיי פְּרָאסְטַאק" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד); קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין, צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ' - דוּרְךְ זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים מִיט אַ תְּמִימוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם), אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן פְּרָאסְטַאק (פְּשִׁיטוּת), אוּן וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן פוּן אִים, וָואס עֶר אִיז יֶעצְט, אַזַא חִידוּשׁ - וָואלְט עֶר גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין אַ גַאנְצֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, טוּ דִי עֲבוֹדוֹת פוּן דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, פִיר זִיךְ פָּשׁוּט, פִיר זִיךְ מִיט תְּמִימוּת, בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

...

## קוּמְט אַהֵיים צֶעלָאזְט

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

יֶעדְן טָאג וֶוען אוּנְזֶער זוּן קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר, אַרוּם פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, אִיז עֶר זֵייעֶר צֶעלָאזְט אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט וְכוּ', דָאס אִיז אַ טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ בֶּאֱמֶת הִיטְן פוּן אִים... וָואס קֶען מֶען טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען זָאל אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

...

## זַיי נִישְׁט קֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט, דוּ בְּרֶענְגְסְט פַּרְנָסָה פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט צוּ וֶוערְן אַן עֶבֶד כְּנַעֲנִי; אַז דַיינֶע שָׁעוֹת זֶענֶען פוּן נַיין בִּיז פִינְף - זָאל דָאס זַיין אַזוֹי, דָאס הֵייסְט נָאךְ פִינְף אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי אַרְבֶּעט, נָאךְ פִינְף זָאלְסְטוּ גֵיין הֶעלְפְן דַיין מִשְׁפָּחָה.

זַיי נִישְׁט קֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי, פַארְגֶעס נִישְׁט דֶעם צִיל פוּן לֶעבְּן, פַארְגֶעס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט, נָאר פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; דַארְפְסְטוּ דָאךְ הָאבְּן אַ מִשְׁפָּחָה, דַארְף מֶען אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן עֶס זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן אַ מִשְׁפָּחָה, דַארְף מֶען אִין שְׁטוּבּ - וֶוען מֶען אִיז מִיט דִי מִשְׁפָּחָה - זִיךְ אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן, פָארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין לֶעיקְוָואד גֶעבְּן דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אוֹיפְן וֶועג זֶע אִיךְ וִוי דֶער דְרֵייוֶוער, מֶען רוּפְט אִים אוּן עֶר הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף, פְרֶעג אִיךְ אִים: "פַארְוָואס הֵייבְּסְטוּ נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן פַאר דִי וָואס רוּפְן דִיךְ?" זָאגְט עֶר מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "נָאךְ זֶעקְס אַזֵייגֶער הֵייבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ זֶע וֶוער עֶס רוּפְט, אוּן

צוּמָארְגְנְס נַיין אַזֵייגֶער הֵייבּ אִיךְ אוֹיף", עֶר זָאגְט מִיר: "רוֹב פוּן דִי קָאסְטוּמֶערְס וֵוייסְן שׁוֹין דָאס אַז נָאךְ זֶעקְס אַזֵייגֶער אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן"; מֶען רֶעדְט דָא פוּן גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, טֶעלֶעפָאן אַרְבֶּעט וְכוּ', אוּן פוּן פַארְדִינֶען שֵׁיין, עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי שֵׂכֶל פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פוּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה וואוּ מֶען רֶעדְט שֵׂכֶל פוּן צַדִיק.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן זַיין אַ גֶעבָּארְטֶע קְנֶעכְט.

...

בַּאקוּמֶען חַיוּת פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי אַרְבֶּעט בַּיי וְכוּ', וַוייל דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ וֶועסְט דָארְט הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אִיךְ קוּק אוֹיף דִיר גָאר אַנְדֶערְשׁ הַיינְט, וַוייל נָאכְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פַּרְנָסָה אוּן נָאכְן טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מַאכְן דְרֵיידְלֶעךְ, הֶיתֵּרִים, דָאךְ הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט אוּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא וָואס דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט פָאר, אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ, אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער פַארְנַאכְטְס; אַז מֶען הָאט אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ אִיז מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט חַיוּת פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ חַיוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אַ פַּרְנָסָה וָואס וֶועט דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## מִיט תְּפִלָּה און סַבְלָנוּת, און מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; וויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען אַ ווייבּ, סַךְ הַכֹּל ווָאס מֶען קֶען אִיז רֶעדְן שֵׁיין, מֶען קֶען בֶּעטְן שֵׁיין, מֶען קֶען אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן מִיט גוּטֶע ווֶערְטֶער און אִיר בֶּעטְן מִיט שֵׁיינֶעם: "דִי זַאךְ ווָאס דוּ טוּסְט שְׁטֶערְט מִיךְ", מֶען קֶען זָאגְן: "אַז דוּ ווֶעסְט נִישְׁט מַאכְן דִי נֶעגְל וְכוּ' - ווֶעל אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין", אָבֶּער צְווִינְגֶען קֶען מֶען נִישְׁט.

שְׁמִירְן נֶעגְל, אֲפִילוּ נָאר אוֹיף דִי פִּיס - אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ ווָאס אִיז גוּט, עֶס בְּרֶענְגְט טוּמְאָה, עֶס בְּרֶענְגְט דִינִים, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; דָאס זָאג אִיךְ דִיר.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין ווייבּ און הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ, און אַז זִי ווֶעט יָא ווֶעלְן שְׁמִירְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן, נָאר ווייטֶער לִיבּ הָאבְּן, און ווייטֶער זַיין בְּשָׁלוֹם און מִיט לִיבְּשַׁאפְט, נָאר אֵיין זַאךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְזֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי צַדִיקִים, אִיךְ און מַיין ווייבּ זָאלְן בֵּיידֶע טוּן ווָאס צַדִיקִים זָאגְן און זִיךְ פִירְן אִין דִי ווֶעג פוּן צַדִיקִים"; מִיט תְּפִלָּה און סַבְלָנוּת און מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט - קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

דַיין צִיל אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אֵיין זַאךְ, שָׁלוֹם און אַהֲבָה.

...

## נֶעם אַ גְמָרָא, ווֶעט דִיר לִיכְטִיג ווֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, סְטֶעטְן אֵיילֶענְד**

זֶע עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּנֶעם צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שְׁלֹמֹה פוּן זְוֶועהִיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְּמָרָא הָאט מֶען אַ פָּנִים פוּן אַ חַיָּ' אָדֶער אַ בְּהֵמָה... אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא הָאט מֶען אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ; אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא וֶוערְט מֶען אוֹיס טוֹיט, מֶען וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם', אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פְּשַׁט, וֶוען אֵיינֶער קָאמְפְּלֶעיִנְט (רֶעדְט זִיךְ אָפּ): 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי', אִיךְ זִיץ אִין דִי פִינְצְטֶערְנִישׁ, 'כְּמֵתֵי עוֹלָם', אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ טוֹיטֶער פוּן צָרוֹת, מְרִירוּת, הַשְׁלָכוֹת וּנְפִילוֹת, זָאגְט מֶען אִים: הָאסְט אַן עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין דֶערְפוּן, עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס טוֹיט, 'זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל', נֶעם אַ גְּמָרָא, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, וֶועסְט וֶוערְן לֶעבֶּעדִיג.

אַז דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְּמָרָא וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:), תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה צוּ בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

...

## דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ קֶען חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַאלְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט דִי הֲלָכוֹת וְכוּ', חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען נִכְשָׁל בְּאִסּוּר... אוּן מֶען קֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בַּעֲלֵי מוּמִים בְּגוּף וְנֶפֶשׁ.

חַזֵר דִי הֲלָכוֹת, אוּן יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַ דַיָּין, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ פְרֶעגְן אַ דַיָּין.

אִיךְ צִיטֶער אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיבּ מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי הֲלָכוֹת, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ קֶען חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַּאלְן.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה פַאֲרְן דַאוֶונֶען, הֵייבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג פַאר דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה אוּן פַאר דוּ דַאוֶוענְסְט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם.

בְּנוֹגֵעַ חֲבֵרִים; קֶענְסְט רֶעדְן מִיט וְכוּ׳, אָבֶער דִי וָואס זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען וַוארֶעם צוּם רֶבִּי׳ן מִיט דִי קֶענְסְטוּ רֶעדְן וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, אָבֶער נִישְׁט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דְרֵיי אַוֶועק דִי שְׁמוּעֶס, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ טְשֶׁענְס צוּ בְּלַייבְּן וַוארֶעם... בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

...

## סְעוּדַת בַּר מִצְוָה פַאר אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת תְּצַוֶה מַאכְן מִיר אַ סְעוּדַת בַּר מִצְוָה פַאר אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זוּן הַבָּחוּר יִצְחָק דָוִד נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ לַאדֶענֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה, עֶס וֶועט זַיין אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, דִי סְעוּדָה אִיז נָאר פַאר מֶענֶער (מִיר מַאכְן נִישְׁט קֵיין סְעוּדַת בַּר מִצְוָה פַאר פְרוֹיעֶן).

עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֲדָר, דִי חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שׁוֹבָבִי״ם, מֶען אִיז מְתַקֵן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר דוּרְךְ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, נָאר דוּרְךְ זַיין הֵיילִיג - קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, אוּן אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, כַּשְׁרוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

### יֶעדֶע נֶעגַאטִיוֶוע זַאךְ, גֵייט פַאסִירְן צוּ מִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ הָאבּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הֶער, אוֹיבּ עֶס אִיז נֶעגֶעטִיוו טְרַאכְט אִיךְ אַז עֶס גֵייט צוּ מִיר פַּאסִירְן, אוּן יֶעדֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ וָואס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט, טְרַאכְט אִיךְ אַז עֶס גֵייט פַאסִירְן צוּ מִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ טוּסְט אַלֶעס, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן נָאר אַז דוּ מַאכְסְט אוּן דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל פַּאסִירְן, דוּ גֶעבְּסְט לֶעבְּן, דוּ גֶעבְּסְט קִינְדֶער, דוּ בִּיסְט אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִיר, הֶעלְף אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל טַאנְצְן פוּן שִׂמְחָה, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּלָאזְן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אָמֵן".

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר צוּרִיק וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

### גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן מִיט נִיסֵי נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס אַז דַיין הוֹיז אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דוּ, דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער - זֶענֶען אַלֶע גֶערַאטֶעוֶועט

גֶעוָוארְן מִיט נִיסֵי נִיסִים; דַארְפְסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וְנִפְלָאוֹת אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, יֶעדֶער לֶעבְּט, יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט.

דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט הָאט אוּנְז אַלֶע צֶעטְרֵייסְלְט, אַז מִיר אַלֶע זָאלְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן אַלֶע לֶעבְּן, מֶען כַאפְּט נִישְׁט, מֶען פַארְגֶעסְט דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם שָׁאדְן, דוּ זָאלְסְט רַייךְ וֶוערְן, אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ רַייךְ וֶוערְן מִיט זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס זָאגְן לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## דִי וֵוייטָאג וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו מִיט דִי רֶעקָארְדִינְג וִוי דַיין וַוייבּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס אִיר הַארְץ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע וֵוייטָאג פַאר אַ מַאמֶע צוּ זֶען וִוי דִי קִינְדֶער לָאזְן נָאךְ פוּן דִי וֶועג וִוי זִי פִירְט זִיךְ, דָאס רַייסְט בַּיים הַארְץ, אוּן דָאס אִיז וָואס טוּט וֵויי פַאר דַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן וֶוען זִי זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי גִּדְרֵי צְנִיעוּת וִוי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ, עַד כְּדֵי כַּךְ, אַז עֶס רִירְט אִיר דִי מֹחַ, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז עֶס וֶועט אִיר גֵיין בִּיז דִי נֶערְוֶוען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אִיר טְרֵייסְטְן, דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין, אַז מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ; זַיי אִיר מְחַזֵּק אַז מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה אַז אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער לְטוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ קֵיין שִׁינּוּי לְטוֹבָה,

וֶועלְן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ צוּרִיק אָנְטוּן דִי אֵיידֶעלֶע מַלְבּוּשִׁים, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְן עֶנְק זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְקָרֵב זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, זֵיי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וַוייזְן קֵיין הִתְרַחֲקוּת, ווייל חַס וְשָׁלוֹם וָואס קֶען פַּאסִירְן? וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפְן זֵיי צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת, אוּן וֵויי וֵויי וָואס פַּאסִירְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וְיַצִּילֵנוּ; מֶען מוּז מְקָרֵב זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דַּוְקָא דִי קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ וְכוּ' - זֵיי מוּז מֶען נָאךְ מֶער רוּפְן אוֹיף שַׁבָּתִים, מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס אוּן שִׂמְחוֹת וְכוּ', ווייל דִי מַלְבּוּשִׁים זֶענֶען בְּסַךְ הַכֹּל דִי סְקְרִין אוֹיף וָואס מֶען קֶען זֶען דִי בִּילְדֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג פוּנֶעם הָאַרְץ, מֶען זֶעט וָואס טוּט זִיךְ אִין הַאַרְץ, אִין מֹחַ, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז אִינֶעוֵוייניג אִיז צֶעבְּרָאכְן, פַּארְוֵוייטָאגְט וְכוּ'.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע דַיין ווייבּ זָאל דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ רֶעדְן מִיט עֶנְק בֵּיידֶע, עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין לוֹיט דִי הַדְרָכָה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאגֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס לְעֵת עַתָּה זֶענֶען זֵיי אַנְדֶערְשׁ וְכוּ' וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיקֵייט דָאס הֶעלְפְן דִי קְהִילָּה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בִּזְכוּת וָואס אִיר זֶענְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטֶעטְל מִיט צוּשְׁטֶעלְן וֶועגְן וִוי צוּ קוּמֶען אוּן גֵיין פַאר דִי פְרוֹיעֶן, מִיטְן הֶעלְפְן אָרְגַאנֶעזִירְן דִי קַאר סֶערְוִויס, אוּן יֶעצְט הָאט אִיר אוֹיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ הֶעלְפְן מִיט צוּשְׁטֶעלְן גוֹי'טֶעס פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן הַאלְטְן דִי פְּרֵייז

אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט בֶּעטְן מֶער וְכוּ' וְכוּ', און אוֹיךְ דָאס וָואס אִיר הֶעלְפְּט יֶעצְט בַּיי דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי און אַזוֹי וַוייטֶער; זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער און זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת און יְשׁוּעוֹת.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיקַייט דָאס הֶעלְפְּן דִי קְהִילָה, יֶעדֶער וָואס הֶעלְפְּט דִי קְהִילָה אִיז אַ מְשַׁמֵּשׁ פַּארְן רֶבִּי'ן, וַוייל דוּרְךְ אוּנְזֶער קְהִילָה וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שֶׁעפְּט חִיזוּק פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, פוּן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק.

...

## שַׁבָּת אִיז פְּרֵיילִיךְ, מְחַנֵךְ זַיין - אִינְמִיטְן דִי וָואךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גַאנְץ שַׁבָּת פְּרֵיילִיךְ, וַוייל אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּיסְטוּ נִישְׁט אִין שְׁטוּב, עֶס אִיז דָא נֶעכְט וָואס דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַהֵיים, דוּ שְׁלָאפְסְט אִין דַיין קַאר וְכוּ', דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן דִיךְ נִישְׁט, און שַׁבָּת וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און מַאכְט דִיךְ פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז, דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ', דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קֵיין טַאטֶע הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, זָאלְסְט זִינְגֶען און טַאנְצְן, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אֲפִילוּ חִינוּךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ און זַיין דֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶער טַאטֶע וָואס שְׁרֵייט...

אַז דוּ ווִילְסְט מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין וְכוּ', שַׁבָּת זָאל זַיין נָאר אַ טָאג פוּן שִׂמְחָה, פוּן פְרֵייד, אַ טָאג פוּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, פוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, פוּן טַאנְצְן: "שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה!"

...

## מַאכְן אַן עֵירוּב אִיז אַ זְכוּת פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**בֶּנְצִיוֹן יַאקָאבָּאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**וואוּיל** אִיז דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, וּבִפְרַט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מִתְנַדֵּב גֶעוֶועזְן צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי עֵירוּב, מָרְדְּכַי אַהֲרֹן זָאגְט מִיר אַז דוּ פַארְעכְטְסְט דִי עֵירוּב עֶרֶב שַׁבָּת וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס.

מִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה (אָבוֹת ד, ב), יֶעצְט וֶוען מֶען גֵייט פַארְבְּרֵייטֶערְן דִי עֵירוּב אוֹיף דִי נַייעֶ גֶעגְנְט זָאלְסְטוּ כַאפְּן דִי זְכוּת דָאס צוּ הֶעלְפְן מַאכְן, דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרוֹת, נִישְׁט יֶעדְן טָאג מַאכְן זִיךְ אַזֶעלְכֶע זְכוּתִים, מַאכְן אַן עֵירוּב אִיז אַ זְכוּת פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער, דִי סְגוּלָה שְׁטֵייט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין זִכּוּי הָרַבִּים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם ה, יח): "אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", עֶר וֶועט הָאבְן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

...

## בַּאגְלֵייטְן דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב הַגָּאוֹן ר׳ יוֹנָה שְׁלִיטָ״א, דוּמֶ״ץ וְרֹאשׁ הַכּוֹלֵל דִקְהִילָתֵינוּ**

**אִיךְ** שִׁיק דִיר דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְטֵיילְן, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען אַ צֶעטְל אוּן זִיךְ צֵייכֶענֶען דָארְט וֶוען זֵיי קוּמֶען, אִיךְ פְּלָאג זִיךְ זֵייעֶר צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט קֵיין זְמַנִּים.

**אוֹיךְ** אִיז וִויכְטִיג צוּ בַּאגְלֵייטְן דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, זֵיי גֶעבְּן צוּ טוֹעֵם זַיין פוּן דִי טַעַם פוּן לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף וְכוּ׳, עֶס אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ אַ שְׁמוּעֶס אוֹיף דִי הֲלָכוֹת וָואס

מֶען לֶערְנְט, און זֶען אַז אַלֶע זָאלְן מִיט הַאלְטְן, אַלֶע זָאלְן אַרַיין פְּרֶעגְן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה אַז מֶען קָאכְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען, מֶען טַעְנָה'ט זִיךְ, מֶען שְׁרֵייט וְכוּ'; אַזוֹי אִיז דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:), תַּלְמִידֵי חֲכָמִים קְרִיגְן זִיךְ אִין לֶערְנֶען, "אֶת וָהֵב בְּסוּפָה", און בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי זִיךְ לִיבּ.

...

## מְחַנֵּךְ זַיין דִי בָּחוּרִים צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם משֶׁה נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים דֶרֶךְ אֶרֶץ און מִידוֹת טוֹבוֹת, און אֲפִילוּ דוּ פַאר דִיר בִּיסְט נִישְׁט מַקְפִּיד וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִיר, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער וִויסְן אַז מִיר דַארְפְן מְחַנֵּךְ דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע רַחְמָנוּת, אַז מֶען לֶערְנְט קִינְדֶער און תַּלְמִידִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג; חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי רֶעדְן מִיט עַזּוּת, מִיט חוּצְפָּה, מֶען לֶערְנְט זֵיי נִישְׁט צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערֶע, און זִיכֶער פַאר רֶבִּיִים, מְלַמְדִים, מְחַנְּכִים - וַואקְסְן זֵיי אוֹיף רַחֲמָנָא לִצְלָן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, וַוייל "עִקַּר תִּקּוּן פְּגַם עֲווֹנוֹתָיו", דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פַארְעֶכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, "עַל יְדֵי הַכְנָעָה", אִיז דוּרְךְ זַיין הַכְנָעָה'דִיג פַאר עֶלְטֶערֶע און פַאר וֶועם מֶען דַארְף (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה חֵלֶק א, סִימָן עא).

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען הַיינְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן מִירוֹן, און דִי דְרַיי שַׁבָּתִים וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאט ר' משֶׁה שְׁמוּאֵל דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעשִׁיקְט דִי בָּחוּרִים צוּ זֵיי, צוּ הֶעלְפְן מַיין טַאטֶע מִיט דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִין מִירוֹן, אִין קַארְלְסְבּוּרְג, זֵיי זָאגְן מִיר אַז דִי בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען זֵייעֶר הַכְנָעָה'דִיג, פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים.

ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לָאזְן בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה, דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "יֶעדְן קֶען אִיךְ הֶעלְפְן אוֹיסֶער אַן עַזּוּת פָּנִים", חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם", אוֹיךְ דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [מְסַאטְמֶער] הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְשִׁיקְן בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ בָּחוּרִים וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעטְרָאפְן מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען קֶעגְן דִי הַנְהָלָה הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְוַוארְפְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

## זָאל מֶען פַארְשְׁפַּארְן דִי מִקְוֶה נָאכְמִיטָאג?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

אוֹיבּ אִיז דָאס אַ מֶעסֶעדְזְשׁ אַז אַזוֹי הָאבְּן עֶנְק מַחְלִיט גֶעוֶוען, אַז עֶנְק גֵייעְן פוּן הַיינְט אָן פַארְשְׁפַּארְן דִי מִקְוֶה פוּן אֵיינְס אַזֵייגֶער - זָאג אִיךְ גָארְנִישְׁט, אָבֶער אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט מִיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין מִקְוֶה אִין שְׁטֶעטְל, אִיז וָואס זָאלְן טוּן דִי וָואס דַארְפְן נָאךְ אֵיינְס אַזֵייגֶער אַ מִקְוֶה? אוּן אַז עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיידְל, דַארְף מֶען זֵיי זָאגְן. אִינְטֶערֶעסַאנְט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּנֶעם שַׁמָּשׁ אָדֶער פוּן דִי גַבָּאִים אַז דִי בָּחוּרִים זִיצְן אִין מִקְוֶה וְכוּ', פַארְוָואס וֶוענְדְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְנַהֲלִים אָדֶער גָאר צוּ זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה?

נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט מִיר, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעְרָאטְן צוּ פַארְמַאכְן דִי מִקְוֶה, עֶס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִקְוֶה אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט, אוּן מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ זַיין נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה - דַארְפְן מִיר הָאבְּן אַ מִקְוֶה, אוּן אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ

נִישְׁט אֵיידְל - קֶען דֶער שַׁמָּשׁ זֵיי זָאגְן מִיט שֵׁיינֶעם זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל, אוּן אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין - פּוּעֶלְ'ט מֶען.

דָאךְ וויל אִיךְ קְלָאר שְׁטֶעלְן פַאר אַלֶעמֶען, אַז אוֹיב וֶועט נָאכְאַלְץ זַיין עֶנְקֶער הַחְלָטָה פַאר קְדוּשַּׁת הַמָּקוֹם יָא צוּ פַארְמַאכְן דִי מִקְוֶה אֵיינְס אַזֵייגֶער - וֶועל אִיךְ דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן פָאלְגְן, ווייל אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְף גֶעפִירְט וֶוערְן דוּרְךְ דִי גַבָּאִים אוּן וָואס דִי גַבָּאִים זֶענֶען מַחְלִיט - אַזוֹי דַארְף זַיין.

...

## יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן צָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִתּוֹךְ הַדְּחַק, זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעהַאלְט אִיז אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ וָואךְ, מוּעָט רַבִּים שָׁנִים.

בִּזְכוּת הַחְזָקַת הַתּוֹרָה, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט מִיר - זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה אוּן הַבְטָחָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיב תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זִין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן דֶער וָואס הַאלְט טַייעֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, עֶר הֶעלְפְט זֵיי - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים; אָמֵן.

...

## מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן זַייט פְרֵיילִיךְ, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַייעֶר יְשׁוּעָה

נֶענטֶער. שִׂמְחָה אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה, שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע פַארְשְׁפַּארְטֶע פַארְשְׁלָאסֶענֶע פַארְהַאקְטֶע טִירְן.

אַסאךְ פְּרוּוּוּעֶן וָואס וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער - לִיגְט דִי יְשׁוּעָה בַּיי זֵיי אַלֵיין, דָאס זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן פַארְזָארְגְט - דָאס הַאלְט צוּמָאל אָפּ דִי יְשׁוּעָה וְכוּ׳, דָאס אִיז עַל פִּי דֶרֶךְ הַטֶּבַע, דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן דָאס, אַז דָאס אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - דָאס הַאלְט אָפּ.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן, זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִיךְ אוֹיסְלַאכְן, אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי אַיינְגֶעצוֹיגְנְקֵייט וָואס קוּמְט פוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - וֶועט קוּמֶען אַייעֶר יְשׁוּעָה.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן אוֹיךְ דֶעם יוֹם תְּהִלִּים מִיט שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. בֶּעטְס אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ קוֹיפְן אַ מַתָּנָה אַ סֵפֶר שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל.

...

## נָאר אוֹיב דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, קֶענְסְטוּ זָאגְן מוּסָר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נָאר אַז דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין בָּחוּר - מֶעגְסְטוּ אִים מוּסָרְ׳ן, אָבֶער אִיךְ בִּין דִיר חוֹשֵׁד אַז אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אוּן אַ כַּעַס אִיז אַרַיין אִין דִיר אוֹיף אִים, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ׳, אוּן דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, וַוייל עֶס פֶעלְט לִיבְשַׁאפְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, בֶּעט פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֵיי אַלֶע לִיבְּן, דוּ זָאלְסְט זֶען דָאס גוּטְס בַּיי זֵיי, אוּן בֶּעט זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה; מֶען קֶען זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם, דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל מְחַנֵּךְ, אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ אַוֶועק אַפָּאר מִינוּט פוּן דִי הִתְבּוֹדְדוּת נָאר פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זֵיי אַלֶע.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן מֶער שַׁיְיכוּת מִיט דִיר, מִיר מוּזְן בַּאנַייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר, דוּרְךְ רֶעדְן אוּן דוּרְךְ בְּרִיוְון; אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ טוֹבָה פַאר אוּנְז בֵּיידֶע.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, אוּן מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְתַקֵּן.

גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, פַארְהוֹיל גָארְנִישְׁט, זַיי אָפְן מִיט אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ׳, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

הֵייבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג מִיט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן זֵיי גֶעבְּן עֵצוֹת מִיט חִיזוּק - אֵיידֶער דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וִוי קֶענְסְטוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע וֶוען דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן?! אוּן וִוי קֶענְסְטוּ יֶענֶעם גֶעבְּן עֵצוֹת - וֶוען דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן?!

זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן דַיין טָאג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת און מִיט אִיבֶּערְגֶעבְּן דַיין טָאג פַארן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְועסְטוּ מֶעגְן אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן און רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אַדְרַבָּה, נָאכְן אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זֵיי אוֹיסְהֶערְן און זֵיי מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה און מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, און מִיט דִי עֵצוֹת פוּן שִׂמְחָה, הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ' וְכוּ'.

...

## אַז מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל עֶנְק הֶעלְפְן, וַוייל זַייט עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי פַּייעֶר אִין שְׁטֶעטְל - קֶענְט אִיר נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ, אִיר קֶענְט נִישְׁט זַיין אַלֵיין אִין שְׁטוּבּ, אִיר זֶענְט דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר טְרַאכְט אַז דָאס גֵייט פַּאסִירְן צוּ אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם.

זָארְגְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אַייךְ, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן; נִישְׁט צוּ אַייךְ און נִישְׁט צוּ אַייעֶר מַאן און אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אַייךְ, אַייעֶר שְׁטוּבּ אִיז אָפְּגֶעהִיטְן. דִי אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס פִירְן זִיךְ בִּצְנִיעוּת הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה, וּבִפְרַט דִי וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, און אַזוֹי טוּעֶן זֵיי יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וְכוּ' - דִי הָאבְּן אַ שְׁמִירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס פַּאסִירְן.

גֵייט אַהֵיים, זָארְגְט נִישְׁט, הֵייבְּט אָן צוּרִיק לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַייךְ מַבְטִיחַ אַז עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פַּאסִירְן בִּזְכוּת וָואס אִיר פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת.

...

## מַאך גֶעשְׁמַאק דִי לוּפְט, וֶועט אַרוֹיסְגֵיין דִי קַטְנוּת הַמּוֹחִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן וָואס וויל נָאר גֵיין מִיט שְׁמָאלֶע הוֹיזְן מִיט אַ הַארְטֶע קַאפְּל אוּן זִיךְ מַאכְן דִינֶע פֵּיאוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג.

דֶער עִיקָר דַארְפְן עֶנְק זֶען עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט מַאכְן קֵיין עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן, אוּן אַמָאל לוֹינְט אַרוֹיס צוּ לָאזְן דִי לוּפְט פוּן דִי רֶעדֶער אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, טַאנְץ יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס פַאר אַפָּאר מִינוּט אַ קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע קַטְנוּת הַדַעַת, מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה נֶעמְט אַוֶועק חֲלוֹמוֹת אוּן פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי חֲלוֹמוֹת וְכוּ׳; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע חֲלוֹמוֹת אוּן אַלֶע פְּחָדִים.

לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אַפָּאר מִינוּט, לֵיין עֶס אִין אַ סִידוּר, לֵיין עֶס אִין קָאךְ אָדֶער אִין דֵיינוּנְג רוּם, גֵיי נִישְׁט אִין בֶּעט אֵיידֶער דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן אִינְמִיטְן, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן שְׁלֶעכְטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת...

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלָה, וַוייל אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט אַ יָתוֹם

אָדֶער אַ יְתוֹמָה אִיז זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, אִיז וִוי קֶען מֶען דִיר זָאגְן דוּ זָאלְסְט מוֹחֵל זַיין דַיין שְׁטִיף טַאטֶע וָואס הָאט דִיךְ אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט...

אָבֶער מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אֲפִילוּ דִי שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז דַן לְכַף זְכוּת, מֶען טְרַאכְט אַז עֶר אַלֵיין אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, וָואס וֵוייסְט עֶר פוּן זַיין לֶעבְּן צוּ זָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳? דוּרְכְדֶעם קֶען בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן אַרוֹיסְגֵיין אַלֶע וֵוייטָאג, בִּיז דוּ וֶועסְט אִים קֶענֶען מוֹחֵל זַיין.

...

## לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן אוּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט בַּיינַאכְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בַּיים דַיָּין׳ס שִׁיעוּר, מַאכְסְט מִיר אַזַא נַחַת, ווייל מֶען קֶען נִישְׁט אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה; אָדֶער אִיז מֶען אִין כּוֹלֵל, אָדֶער אִיז מֶען אַ מְלַמֵּד, אוּן אַז מֶען אַרְבֶּעט - דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין גַאס; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלד), עֶס וֶועט קוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן מִינוּת וּכְפִירָה וְכוּ׳, אוּן דִי שׁוּל - דָאס אִיז תֵּבַת נֹחַ, וָואס וֶוער עֶס אִיז אִין אִיר - רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַלֶע בֵּייזֶע ווינְטְן אוּן שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם שִׁיעוּר וֶועט דַיין ווייב פְרֵיילִיךְ וֶוערְן, ווייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ חֵן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א), אוּן אַז עֶס אִיז דָא חֵן - אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## זיך נִישְׁט קְלוֹיבְּן, און נִישְׁט זָאגְן נֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלֶעךְ, דַיין הַארְץ אִיז צֶעשְׁנִיטְן און צֶערִיסְן, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ ווילְסְט שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זַיין הֵיילִיג, זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, און נָאכְאַלְץ בִּיסְטוּ אַזוֹי אַלֵיין.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער ...., חֲזַק וֶאֱמָץ, שְׁטַארְק זִיךְ, פַּאל נִישְׁט אַרַיין אִין יֵאוּשׁ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט בִּטָּחוֹן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת חֵלֶק א, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת הָרַחֲמִים", דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, "זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁדּוּכִים טוֹבִים הֲגוּנִים", אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן שִׁידוּכִים.

נָאר אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען, אַז מֶען וֶועט דִיר רֶעדְן אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ אַוֶועק לֵייגְן אַלֶע חָכְמוֹת, זִיךְ נִישְׁט קְלוֹיבְּן און נִישְׁט זָאגְן נֵיין, נָאר אַרוֹיסְגֵיין רֶעדְן, און טְרַאכְטְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז מֶען דַארְף טוּן רְצוֹן הַבּוֹרֵא, חֲתוּנָה הָאבְּן און בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיינֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת פַאר רָצוֹן הַבּוֹרֵא.

...

## פּוּרִים און שׁוּשַׁן פּוּרִים אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**שַׁבְּתַי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פּוּרִים און אוֹיךְ שׁוּשַׁן פּוּרִים אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן - אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר פּוּרִים נָאכְמִיטָאג, און אוֹיךְ אַ סְעוּדָה פַאר מִיטְוָואךְ, שׁוּשַׁן פּוּרִים

נָאכְמִיטָאג; אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ פְּלֶעי פוּן בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים, דַארְפְּסְטוּ אָנְגְרֵייטְן נַאשׁ פַּאר דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ פַּאר דִי עֶלְטֶערְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער עֶס ווִיל מִיר גֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת קֶען קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען, אָדֶער שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג אִין יְשִׁיבָה. בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּמֶען, אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין שְׁטוּב פּוּרִים. נָאךְ שַׁחֲרִית גֵיי אִיךְ צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיךְ צוּ מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער. אִיךְ וֶועל זַיין נָאכְמִיטָאג פִיר אַזֵייגֶער אִין יְשִׁיבָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין, אוּן אוֹיךְ מִיט דִי קֶרֶן הַבִּנְיָן. יֶעדֶע מָאל אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל אִין חֶדֶר ווִיל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְן דָאס אַהֶערְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדֶערְשׁ לֶערְן מִיט אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וָואס קֶען נָאכְנִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ מִיט וֶועם עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא, מִיט אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט דִי צוּגַאנְג צוּם טוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ מִיט אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר וְכוּ'.

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִיז בֶּעסֶער צוּ נֶעמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט עֶרְפַארוּנְג וְכוּ', דָאס אִיז (מִשְׁלֵי לא, כו): "'תּוֹרַת חֶסֶד' עַל לְשׁוֹנָהּ", וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה מט:): "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ, זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד"; אוּן אַלֶע גְדוֹלִים הָאבְּן דָאס גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר צַייט צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט נִיצְן הִילְף בַּיים לֶערְנֶען.

וּבְכֵן אִיז זֵייעֶר כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט פְרִישֶׁע אַבְרֵכִים וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה

בַּתּוֹרָה, אָבֶער זֵיי וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט וָואס אוּן וֶוען אוּן ווי וְכוּ׳, זֵיי הֶעלְפְן אַרַיינְקוּמֶען בְּבֵית הַשֵּׁם, לַחֲזוֹת בְּנֹעַם הַשֵּׁם וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ, בְּד׳ אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה.

בִּזְכוּת וָואס מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע - בַּאקוּמְט מֶען אַ סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הַצְלָחָה בַּיים לֶערְנֶען.

...

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַרְבֶּעט מִיט מַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד נַחְמָן נֵיישְׁטֵיין נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֵיי אִיבֶּער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג דִי עִבְרִי מִיט מַיין זוּן יְחֶזְקֵאל רוֹטְה, עֶר קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט, אוֹיךְ יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי עִבְרִי, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר קֶען זֵייעֶר גוּט.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין אִים, סַיי מִיטְן אוֹיסְלֶערְנֶען לֵיינֶען, אוּן סַיי פַאר דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, אֱמוּנָה, קְדוּשָׁה, מִידוֹת טוֹבוֹת, אוּן פַאר דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר דֶערְצֵיילְט אִין שְׁטוּב אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה וְסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט זֶען פוּן זֵיי נָאר נַחַת אוּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן דוֹרֵי דוֹרוֹת.

...

## בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פּוּרִים אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען דִי בָּחוּרִים

אִין שְׁטֶעטְל, מַאכְן אַ גְרוּפֶּע, אַרוּם גֵיין פּוּרִים נָאךְ גֶעלְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ זִינְק אִין שְׁוֶועְרֶע חוֹבוֹת, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף פּוּרִים אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן מִיר הֶעלְפְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת.

עֶס לוֹינְט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס אִיז נִישְׁט מֶער לֶעבֶּעדִיג אִין שְׁטָאט, אֶפְשָׁר טְרֶעפִיק אִיז מֶער דָא אִין שְׁטָאט, אוּן מֶער צֶעווִילְדֶעוֶועטֶע שִׁכּוֹרִים וְכוּ׳, נֶעם צַאם דִי בָּחוּרִים אִין שְׁטֶעטְל, פְּרֵייטְס עֶנְק דָארְט, פְּרֶעג אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף, וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן דִי בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען זִינְגֶען אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין.

לָאז מִיר ווִיסְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

...

### זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ קֶענֶען מַאכְן נַחַת רוּחַ פַאר דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, רֶעדְן חִיזוּק מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ, זֵיי ווִילְן רֶעדְן מִיט דִיר - אוּן דוּ מַאכְסְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג?

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז זֵיי וֶועלְן רֶעדְן פַאר אַ שָׁעָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט בַּייסְן דִי לִיפְּן אוּן טְרַאכְטְן: 'אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד עֶס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג, אִיךְ וָואלְט יֶעצְט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אָדֶער לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען וְכוּ'', נָאר זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ קֶענְסְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס ווִי מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "הוּקַשׁ כְּבוֹדָם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם".

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

...

אַרוּמְגֵיין פּוּרִים מִיט דִי בָּחוּרִים פַאר דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**שִׁמְשׁוֹן קַאהַאן נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען דִי בָּחוּרִים אִין אַ גְרוּפֶּע אוּן אַרוּם גֵיין פּוּרִים בַּיי גוּטֶע אִידְן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי יְשִׁיבָה, צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן דִי בָּחוּרִים מַאכְן אַ גְרוּפֶּע אַרוּם גֵיין צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר דִי יְשִׁיבָה. וַוייל הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צְדָקָה, מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר, מִיר בֶּעטְן נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע גֶעלְט פַאר שְׂכַר לִימוּד, אוּן אוֹיךְ צָאלְן נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי מִצְוָה, נֶעמֶען דִי עוֹל פוּן דֶעם, טְרָאגְן דִי אַחְרַיוּת פוּן דֶעם.

פּוּרִים וֶוען עֶס אִיז 'נִכְנַס יַיִן' - קוּמְט אַרוֹיס דִי סוֹד, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה, אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אוּן מֶען וֵויינְט אוּן מֶען שְׁרֵייט אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

# מהדורת העסקעל

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר **ישראל דוד העסקעל** הי"ו

וזוגתו **שרה** תחי'

וילדיהם

**נפתלי, מרדכי, יהודית**

~~~~~

לעילוי נשמת

הרה"ג ר' **אליקים** ב"ר **דוד**

זכרונו לברכה

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון
~~~~~